STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00897

YIDN

Naftoli Gross

Permanent preservation of this book was made possible by
Edward & Maryellen Loebl
in honor of
Elisabeth Loebl

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביכער פון דעמזעלבן מחבר:

פסאַלמען

לידער

דער ווייסער רייטער

גרייט צום דרוק

מעשות

שיר השירים

יעקבס חלום פון ריכאַרד בער־האָפמאַן

קאַליל גיבראַנס מעשהלעך

מעשות פון טויזנט און איין נאַכט

נפתלי גראָס

איך

פאַרלאַג „אויפקום"

ניו־יאָרק, 1929

Copyright, 1929
by
Naftoli Gross

צו

מיין פאָטער און מוטער

אונזערע שטעטלשטעט

אונזערע שטעטלשטעט

די שטעטלשטעט מיט אידענעס און אידן,
מיט זיידענע יונגעלייט און צניעותדיקע טעכטער,
ווער ס'פרייט זיך–פרייט, געלעכטער איז געלעכטער,
די טרער איז טרער, דער שמייכל–נאָך אַן עכטער,
און רייד און טראַכטן איז נאָך נישט פאַרשידן.

פאַר איינעם פולע וואָכנטעג, ווי שפּע פון יאַרידן,
גייען איבער מיט אַלעמגוטן, ווי אַ קידוש־בעכער,
אַן אַנדערן דריקן זאָרגן ווי די אַלטע דעכער,
און ליידיק איז אים ס'לעבן ווי אַ זאַק מיט לעכער–
פאַר אַלע אָבער רו־טעג מיט שבת און מיט פרידן.

טעג זינגען נאָך מיט לידער און באַלאַדן,
און נעכט מיט באָוועמעשות און מיט וואונדער שטערנען,
(ווי דאָ וואָלט קיינער קיינמאָל קיינעם ניט דערצערנען;

צו זיין וואוילער חתן מוז מען קענען לערנען,
אַ מיידל צו דער חתונה מוז האָבן נדן.

ביינאַכט היט אַלץ און אַלעמען אַ וועכטער,
ס'שטערט קיינער ניט דאָס זינקען די הכנעהדיקע שטיבער,
וואָס ציען זיך אַראָפּ צו ווערן טיף ווי גריבער...
אין זיכערע הענט ענטפערט יעדער די נשמה איבער,
מ'באַנייט זיך מיט איר ווידער צו דער צייט דער רעכטער.

מיין אַלטע היים

ס'איז אַלדינג ווי געווען: דאָס מאַרק, די מויערן,
די אַלטע שורה פון „די גילדענע פּאָנען",
די בונטע בלענדענדיקע באַלן פון באַלקאָנען,
די אײַנפאָרהײַזער מיט די ברייטע טויערן.

דאָס ראָטהויז מיט דעם זייגער, ס'וועטערפענדל,
די קראָמען רונדאַרום—אַ רייע נאָך אַ רייע,
דאָס קלויסטער מיט דעם גילדענעם שם־הוויה—
אַלץ רעדט פון אַלטע וואונדער און לעגענדן.

און טעג און נעכט און ס'גאַנצע לעבן זינגען שבחים
די אַלטע לייט, וואָס זענען קיינמאָל נישט צופרידן:
אַמאָל, אַמאָל איז אַלץ געווען ווי ביי לייטן,
סע האָבן אידן זיך געפירט ווי אידן,
געלערנט תורה און געגאַנגען אין גאָטס דרכים,
און שפע איז אויך געווען מער ווי היינטיקע צייטן.

גאַנצקייט

דאָ לעבן מענשן פול אויס די מעת־לעתן–
סע גייט קיין טאָג אין לעבן נישט לאיבוד.
מע האָרעוועט די וואָך אָפּ אַף אַ קלייד און עסן
מ'גייט שבת איינער צו דעם אַנדערן אַף כּיבוד.

און קומט אַמאָל אַ גאַסט אַראָפּ ביי לייטן,
איז קומט מיט אים די פרייד אין אַלע שטיבער,
עס עפענען זיך טויערן צו וואונדער־ווייטן,
און איינער צו דעם אַנדערן ווערט ליבער.

ביינאַכטן אַף די שטרויענע געלעגערס
ווערט ווייך אין האַרצן ווי די וואַרעמקייט פון האָפן;
און פאַר די שניידער, קרעמער, סטאָליאַרעס און טרעגערס
שטייט ס'גאַנצע גוטס פון לעבן ווי אַ טויער אָפן.

מעת־לעתן

דעם טאָג די זון, דער שווייס און האַרעוואַניע,
די וואַרשטאַטן, די ציגעלייען און די זעגן;
מיט זיסקייט ווי אַ פּאָליאַק פאַר אַ פּאַניע
נייגט זיך דער אָוונט אַלעמען אַנטקעגן.

טאָג שמעקט מיט פערד, מיט פּי פון אַלע וועגן,
מיט היי, געהילץ, מיט עופות און מיט תבואות,
די קרעמער—מיט דעם אומרו פון געיעגן,
די בשמים־קראָמען—ווי פון אַפּטייקן רפואות.

דער נאַכט דאָס קוואַקען, זשומען און דאָס זעגן
פון קנאַפּערס, זשוקעס און פון זשאַבעס,
דער ווּאוילגערוך פון פעלדער נאָך אַ רעגן,
דאָס האַרצגעזאַנג פון גויעשע זאַבאָוועס.

דער נאַכט—די זעט, די רו; פון אירעטוועגן
דער חלום און דאָס זיסע שלאָפן;
פאַר גויטבאַדערפטיקע ווערט דאָס פאַרמעגן
פון גאָר דער וועלט ווי קייזערשטראָזן אָפן.

אַ וועלט אין זיך

אין הינטערגעסלעך, גאַסן און אַלייען–
דאָ ווײַנט די איידלקייט אַרויס פון אַלע פענסטער;
אַ קעניגקינד איז דאָ דער גרעסטער ווי דער קלענסטער
אין טונקעלע בגדים און געניייען.

דאָ גייען גאַנגען ווי אין כאָרעווע פּאַליייען
און דרייען אַיין זיך איינער אין דעם צווייטן,
פון הויז צו הויז און קלויז, צוריק און צו די קלייטן–
אַ וועלט אין זיך, פאַר זיך אין פריידן און אין ווייען.

אַ וועלט פאַר זיך, איז גאַנץ און איז באַזונדער,
און פאַרבאַהאַלטן פון די פרעמדע, ווי מאַראַנען;
דערהויבן ווי די בערג אַרום מיט טאַנען;–
און וואָס ס'איז הינטער טייך און וואַלד פאַראַנען–
איז פאַר איעדן חלום און איז וואונדער.

אוצרות

זיי האָבן אוצרות דור נאָך דור געקליבן
און אופגעזאַמלט זיי אין טעפּ, אין קאַנען,
אין שרענק און ווענט און הינטער כאָרעווע פאַרקאַנען,
פאַרגראָבן זיי אין היילן הינטער שלעסער זיבן.

געזאַמלט זיי ווי גאָלדענעם האָניק בינען,
פאַר זיך און פאַר די קומענדיקע דורות,
געהיט זיי ווי מען היט אָפּ ספרי־תורות,
און ווי אין שיין פון מנורות געטאָן אין זיי זיך מינען.

און איצט, אין אָוונטן פאַר בלייכע שויבן,
צעבליען זיי זיך גאָלדיק ווי זאַטע זומערן,
זיי זענען זיסקייטן פאַר ליפּן וועלכע שלומערן,
און גייען אוף געשטאַרקט ווי ריינער גלויבן.

ערב־יום־טוב

דער טאָג ליגט נאָך אַ פולער אין די טאָלן,
און אין די שטעטלשטעט—אַ ראַשיקער מיט מערק:
די קרעמער האַלטן זיך נאָך אין צעצאָלן;
די באַלמעלאָכעס—אין דער מיט פון זייער ווערק.

די וועגן און די שטראָזן רוישן נאָך און ראָלן
מיט וועגענער און פורן דורך די שטעטלשטעט;
די וואַסערן און שטראָמען אין די טאָלן מאָלן
מיט מילן און מיט מעל, מיט וועשערנס און גרעט.

די וועגענער און וועגן, די שטראָזן און די שטראָמען,
די פולע פורן—פירן אַלדאָסגוטס אַריין, אַרויס;
די וואַסערן און וועגן, די מילן און די קראָמען—
זיי ברענגען מְחיה און די שפע יעדן הויז.

און איידער נאָך עס איז דער טאָג אַריבער,
נעמט מיטאַמאָל דער גאַנצער רעש אין גאַס זיך בייטן,
און מיט אַ פולקייט ווי די זון אין ווייטן
לייכט אוף אַ ליכטיקער דער יום־טוב פון די שטיבער.

יום־טוב

ער איז אַ גאַנצן טאָג געלעגן פאַר די שוועלן,
ווי ס'ליגט די זון באַגינען הינטער טרעפּ פון בערג,
און אַז ס'איז נאַכט געוואָרן, האָט גענומען העלן
דער יום־טוב איבער גאַסן, רינגפּלעצער און מערק.

און אַלע שטיבער מיט די דריקנדיקע דעכער,
וואָס זינקען ווי ארונות, זינקען מײַן און מײַן,
געוואָרן זענען איצט דערהויבענער און העכער
און וואַקסן מיט דעם יום־טוב־ליכט אַריבער זיך אַליין.

און איך, וואָס בין געווען אַזוי דערוווייטערט
און האָב אַ לעבן נישט קיין יום־טוב מיטגעלעבט,
בין מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי דערלייטערט
אין יום־טוב, יום־טוב, יום־טוב, וואָס איך האָב דערלעבט.

זמירות

אַ גאָלדן זינגען ציט דורך אַלע שטיבער
און וויגט אַיין ווי אַ קעניגלעכער טרוים,
און ווי אין זונגאָלד בלעטער פון אַ בוים,
און גיסט זיך ווי אַ פולער טייך אַריבער.

פאַרבאָרגענע אוצרות לייכטן אוף אין גריבער,
און בליען פאַר די פענסטער אוף ווי גאָלדענער מאָן.
אַ פריידיקע דערהויבנקייט פילט אָן
דאָס האַרץ און גייט פון אַלע אויגן איבער.

אָ וואונדערלעכע מעשות פון אַמאָל,
ווי שבת־יום־טובדיקע לידער
ציט איר גאָלדיק איבער אַלע שטיבער,
די אָוונטן ווערן היימלעכער און ליבער,
און וויגן זיך אַף יונגע אויגנלידער
ווי פרילינגצייט דער פולער טייך אין טאָל.

דאָס בית־מדרש

אַזוי צונויפגעוואַקסן מיט דער ערד
ווי דאָס בית־מדרש–איז קיין הויז אין גאַס,
סע שטייט אַריינגעגראָבן ווי דאָס פּאַס
אונטער דער רינווע פון דעם נגידס הויז אין גאַס,
און גרינט פון רעגנוואַסער, גרינט און יערט
און זינקט אַלץ טיפער אין דער ערד.
דאָס גאַנצע בית־מדרש ליגט ווי אַ דעמבענער אָרון
איבער אַ קבר, וואָס זינקט אין דר'ערד שוין יאָרן,
און ציט זיך אין דער ערד אַראָפּ מיט אַלע ווענט
ווי יאָסל קלעזמערס ריפּע אויף דעם באַס,
ציט ווי ס'וואָלט וועלן אין די טיפן זיך איינאָרען,
ווי עס וואָלט וועלן זיך דערבאָרען
צום לעצטן שטיין פון אייגענעם פונדאַמענט,
ווי עס וואָלט וועלן זיך אַליין דערגרייכן
טיף אין די אינווייניקסטע אָפּגרונט־הייכן.

אַזוי ציט אַלץ אַראָפּצוצו, און ווערט
אַלץ מער צונויפגעוואַקסן מיט דער ערד.

נאָר איינס–די פענסטער הויך און אויסגעגרונדט,
זיי רייסן זיך אַרויף, אַרויף צוזאַמען
מיט די געזימסן, רונדאַרום ווי ראַמען,
זיי רייסן זיך אַרויף, אַרויף מיט אַלע ווענט
און מיט דעם פונדאַמענט פון טיפסטן גרונט,
זיי רייסן זיך ווי תּפילות ליכטיקע אַרויף,
ווי פלאַמען, וואָס גייען יום־טוב אין די פענסטער אויף,
ווי די געציילטע צווייגן אַף די אַלטע שטאַמען,
וואָס זענען נאָך פאַרבליבן אין דער גאַס.
זיי רייסן זיך ווי סודות, וואָס ווילן
אַנטפּלעקן זיך אין זייערע איינזאַמע שטילן.
און וואַקסן, וואַקסן צו דעם אייביקן בלוי
אַרויף, און ווערן גרויס און הויך. אַזוי,
אַז ס׳גאַנצע בית־מדרש דערהייבט זיך העכער
איבער אַלע הייזער, דעכער אין דער גאַס.

דער שליח־ציבור

דער אַף דער העכסטער הויכקייט אין בית־מדרש
איז דער הכנעהדיקסטער אין דער גאַנצער עדה,
ער איז ווי אין רשות־הרבים אַן אבדה,
שטייט איבער זיך געבויגן און דריקט ווי אַ חוב,
געפאַלן ווי דער מקח אין אַ קויף;
און הייבט אַלץ אָן מיט אַ געבראָכענער שטים
ווי קהל וואָלט זיך אָנגעזעצט אַף אים.
ער בייגט זיך טיפער, וואָרן אים דערהייבן
די ווערטער, די כוונה און דער גלויבן,
ער ווערט דערהויבן ווי דער אָרימאַן פון שטויבן.
אַזוי בייגט ער זיך נאָר פון ליבע צו די תפילות,
און פאַרט די וואונדערלעכע ווערטער
און זוכט דעם ריכטיקן פירושהמילות
מיט יעדער תנועה זיינער, ווי אַ באַשערטער
מיט יעדן וואָרט די ליבע פון זיין באַגערטער,
און ווי אַ ריינקייט געוויקלט אין אַ טלית,
גייט ער מיט גאַנץ קהל דורך זינגעוודיקע וועגן,
דערהויבט ווי די דערהויבנקייט פון מעלות,
און מיט הכנעה ווי אַ תפילה
גאָט כביכול מיט געזאַנג אַנטקעגן.

דער מגיד

אים, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף זיין גורל,
זיין אַ מוכיח און אַ טרייסטער צווישן אידן–
איז פאַר דער עדה ווי אַ חלום פון פרידן.
פון זיינע ליפּן שנירן זיך די רייד ווי פּערל–
און אַלע הערן. זיינע ווערטער ווערן
ווי לעבן, וואָס איז לאַנג געווען באַהאַלטן
אין יעדנס האַרצן, און וואָס נעמט זיך געשטאַלטן
און גליט ווי נבואה הינטער יעדן שטערן.
און פאַר די אויגן נעמט די וועלט זיך דרייען
מיט דורות און מדינות, זעגלען ווייען,
סע גייען שיפן פון די וויטסטע קעניגרייכן
מיט פּימסנהאָלץ און צעדער און געשטיין,
מיט גינגאָלד, פּערל און מיט עלפאַנטביין,
מיט מייסטעראַרבעט איינגעפאַסט אין אייכן;
סע קומען אָנגעלאָדענע קאַראַוואַנען–
(ווי מעשהלעך, משלים און פאַרגלייכן)–
מיט איילן, נעגעלעך און בשמים,
מיט ווייטע הענדלער און חכמים,

מיט אוצרות און מיט תּורה אָנגעלאָדן.
סע גייען רויכן אויף פון ווייערכפּאַנען,
און ס'טאַנצן געצנדינער, ווייבער, מיידלעך, מאַנען,
און וואַרפן זיך אין ווילדע קאַראַהאָדן;
און היילן מיט מכשפים און מכשפות
מיט טויטנצייכנס, ביינער און מיט שׂרפות;
סע טרעטן אויף נביאים מיט פייערדיקע רייד,
סע קומט אַ פאָלק נאָך פאָלק, קומט און פאַרגייט,
סע וואַנקט און פאַלט מדינה נאָך מדינה,
און גאָט כּביכול אַליין קלאָגט אַף גלות־השכינה.
סע ווערן ביסלעכווייז אַנטפּלעקט פאַרבאָרגענישן—
און אַלע גרעניצן נעמען זיך פאַרווישן,—
און ס'ווערן נאָענט, ווי פּאַר אַ פאַסטעך שאָף,
נסתּרים, מקובלים און לאַמעדוואָוו,
און נאָענט ווערט דער קץ—משיחס צייטן,
ווען משיח בן־דוד וועט קומען צו רייטן.
און אַזוי גייט ער מיט אידן און מיט תּורה,
מיט פּראָסטן עם־הארץ און דעם חסיד
דורך וויטן עבר צו דעם קומענדיקן עתיד
פון אייביקן פרידן און יראת־הבורא.

דער בעל־מקובל

איז שטענדיק אופגעראַמט און פייערלעך,
ווי ער וואָלט כּסדר אימיצן דערוואַרטן,
און גרייט—זיך אופלייזן אין דעם געגאַרטן,
ווען די געבענשטע שעה וועט שלאָגן.
דערווײַלע אָבער מוז ער אַף זיך טראָגן
דאָס אויסזען נאָך פון אַ בשר־ודם.
הגם ער האָט שוין לאַנג זיך אויסגעטון
פון פרייד און כּל תּענוגי עולם־הזה, און
זיך אָפּגעשיידט דורך סגופים און תּעניתים
פון אַלעמען, וואָס לעבט, ווי מיט אַ תהום;
זיין פּנים האָט אַזוי זיך אויסגעלייטערט,
ווי הינטער אים וואָלט אייביק וואָס געהייטערט,
געגליט און אופגעלייכט מיט ווייטן;
ווי ס'גאַנצע לעבן זיינס וואָלט זיין פון אים דערווייטערט,
און הינטערן שטערן וואָלטן גליען צייטן
פון אויסלייזונג און פון תּחית־המתים.

דער רב

אַביסל העכער בלויז פון מיטלוואוקס,
אין גאַנג אָבער אַזוי צוריקגעהאַלטן
און אויסגעגלייכט, ווי ער וואָלט זיך געשטאַלטן
נאָך יעדן שפּאַן אַפּסניי; און וואַקסן, ווערן,
איבער זיך, העכער פון זיין הויכן שטערן;
אַזוי צוריקגעהאַלטן, שטאַרק און שווער,
ווי קעגן אים, האַרט פאַר זיין טראָט, וואָלט ווער
געגאַנגען הינטערווייזלעכץ און אַ וואַרע מאַכן.
אַזוי אַז צווישן די, וואָס גייען הין און הער
אין גאַס, אין מאַרק, צעווישן אַלעמען–גייט ער
דער העכסטער.

זיין בליק ווייסט נישט פון קיין לאַכן.
אַף זיינע אויגן לאַסטן, ווי האַלבע רייפן,
די ברעמען; אַף דער שאַרף פון זיינע שלייפן
ציט זיך אַרויף, ווי זעגלען אַף מאַסטן, זיין שטערן,
און אָפן ווי ער וואָלט שטענדיק וואָס פאַרקלערן.

זיין בליק איז פול און שווער, גייט איבער ווי אַ כּוס
מיט האַרבע מעשים פון דעם יונגוואַרג, וואָס
איז מיטאַמאָל לתּרבות־רעה אַרויס;
זיין בליק איז וואַך אַף שטאָטישער וואָג און מאָס,
און וואַך אַף יעדן אידישן הויז; איז גרויס
און פול און העכער פון זיין וואוקס,
און שטרענג, להבדיל, ווי דעם דוכּס
אין יענעם שווייגעוודיקן שלאָס
הינטער דער שטאָט, מיט וועמען ער שפּילט שאַך איינמאָל
אין יאָר, און רעדט זיך דורך מיט אים לטובת־קהל.

דער פרומער איד

דער פרומער איד גייט טבילה און לייגט צוויי פּאָר תּפילין,
און טראַכט נישט בעתן דאַוונען פון קיין אַנדער ענין,
בלייבט איבער לערענען משניות נאָך דעם מנין–
אַזוי טוט ער מקיים זיין גאָטס ווילן.

און אַז ער עסט דאָס איבערבייסן און טוט שטילן
די זשעדנעקייט מיט דעם, און נעמט דערנאָך דעם שטעקן
און גייט אין מאַרק אַרויס, און גייט אויס אַלע עקן,
און נאָכאַמאָל, ווי איינמאָל וואָלט נישט קלעקן–
ער טוט עס בלויז גאָטס שליחות צו דערפילן.

אַזוי אַ טוט דער איד מיט אַלץ און אילן,
אין קראָם, אין מאַרק, אין באָד און ביי די מילן,
ער זעט דורך אַלץ די מצווה ווי אַ זאַך דורך ברילן,
אַז ער פאַרעכט אפילו אַרבעטן אַפּולע,
וואָס האָבן קלוימערשט גאָרנישט ניט קיין פּעולה–
איז אויך נאָר כּדי מיט זיי דערנענטערן צו טון גאָטס ווילן.

דער יורד

טיף אין זיך איז ער אַזוי געפאַלן
ווי זיינע מעשים; און ווי שווערע באַלן
ראָלן אַריבער אים די טעג און נעכט,
און זענען ווי גזירות פאַר אַ קנעכט.
ווי מיט דער שווערקייט פון אַ כמאַרנע טאָג
האָט אָפּגעלאָזט זיך מיט דער גאַנצער וואָג
גאָטס האַנט אַף אים, און ער פאַלט, פאַלט
ווי איינער אין אַ חלום איבער אַ וויסטן וואַלד.
נאָר פיינלעכער פון אַלץ—וואָס צווישן קהל
איז ער דאָס אויג, דאָס וואָרט נאָך וואָס אַמאָל.

האַרבסט־צײַט

כּיאור. ווי ווייסער מאָך איז אָנגעוואַקסן
אַ פריער פראָסט באַנאַכט אַף אַלע שטראָזן,
און אַף די סטעבליעס און פאַרבליבענע גראָזן,
און סקריפּעט ווי אַ פור מיט נישט־געשמירטע אַקסן.

די געסלעך מיט אַראָפּגעדריקטע ברעמען און פאַרלאָזן,
און אין אַ שטיבל נעמט אַ פלעמל טיקן,
די באָבע שטייט אוף פעדערן צו פליקן—
דער מאָרגנווינט נעמט דורך די געסלעך בלאָזן.

הערש־לייב דער שוסטער אײַלט זיך צו וותיקין,
די בעקער־אינגען גייען פון דער אַרבעט און זיי זינגען,
אין קלויסטער נעמען מאָנאָטאָן די גלעקער קלינגען,
קצבים־אינגען גײען אַפן דאָרף צו זוכן גליקן.

וואונדערלעכע ווינטער־אָוונטן

לבנהדיקע ווייסע ווינטער־אָוונטן,
דער בלויער פראָסט פרעסט ווי מיט שאַרפן שטאָל.
פון יעדן טראָט און ראָד דער פידלדיקער ווידערקול
פאַרגייט זיך ביזן סאָסנעוואַלד, דעם נאָענטן.

דער האָרעפּאַשנע וואַסערטרעגער אַ פאַרשפּעטיקטער,
אַ באַלעגאָלע קומט מיט זיינע פראַכנדיקע פערד;
ס'פאַרפאָרן ברייטע אידן מיט אָנגעפרוירענע בערד–
פון די אכסניות שמעקט דער אָוונט אַ געזעטיקטער.

פאַר שוועלן זענען אידן מחדש די לבנה–
אַ בלויע שאַרף ביז אין לבנהדיקן לאַנד.
איבער שטיבער ציען מעשות זאַבעבאָנע,
און פון דעם ראָטהויז פאַלן שאָען נאָכאַנאַנד,
און איבער דעכער מוראדיק–אַ סכּנה,
גייט אום דער ווינט מיט בעזימער אין האַנט.

אָ וואונדערלעכע ווייסקייט

איך בין אַרויס באַגעגנען
מיט מיינע ווייסע פערד
די בלענדענדיקע ווייסקייט
אַף ביימער און אַף דר'ערד.

איך האָב אַ וועג געשניטן
ווי מיט אַ שאַרפן שטאָל,
האָב גאָרנישט ניט געמיטן–
געגאַן ווי נאָך אַ קול.

די ווייסקייט האָט ווי כּישוף
געמאַניעט און גענאָגט,
אַ ישוב נאָך אַ ישוב–
די ווייסקייט ציט און לאָקט.

אָ וואונדערלעכע ווייסקייט,
טו אָפּ פון זיך די לאַרוו,
וועסט נאָך מיין האַרץ צעבלוטן
מיט דיין בלויער שאַרף.

ווינטער־אָוונטן

אין אַפּדערנאַכטן אָן לבֿנה און אָן שטערן,
די גאַסן קערט דער ווינט מיט שניי און זאַבעבאָנעס;
אָ, קינדערלעך, וואָס לערנען דעם דין שוין פֿון קרבנות,
זיי גייען פֿון חדרים מיט פּאַפּירענע לאַמטערן.

סוף־חודש פֿינסטערניש דריקט שווער פֿון אַלע דעכער,
מיט יעדן שימער־שאָטן שרעקן וואָווקעלאַקעס,
מיט יעדן גוי גזלנים גייען און מחנות הײדעמאַקעס—
דער פּחד אַף די קינדער קריכט פֿון אַלע לעכער.

די שויבן בליען בלוי און ווייס מיט וועלדער און וואַזאָנעס,
די וועלדער וואָיען ווילד מיט ווינטן, וועלף און בערן,
די ווינטן קערן, קערן, קערן,
און גלייכן אויס די שטראָזן ווי מיט בראָנעס.

ווינטער־אָוונטן

(באלאדע)

א

די ווינטן האָבן ווי מיט בעזימס זיך צעלאָזן
און טאַנצן איבער שטראָזן, רייטן איבער דעכער,
און הוליען הוליען זיי ווי אין די פּריצישע געמעכער,
און ווי דאָבוש דער רויבער אין די היילן־לעכער;
זיי ווירבלען זיך אַרופּצו ביז די וואָלקן און נאָך העכער,
זיי פּלאַצן און צעלויפן זיך איבער דעם שניי ווי האָזן.

די שטראָזן און די שטראָמען ליגן טיף פאַרבלאָזן.
סע קנאַקט דער פראָסט און שטעכט, די ווינטן ברענען,
סע פאַלן טענען—
קיין איד זאָל אַזאַ נאַכט נישט קיינמאָל קענען!
אַ הונט איז אַן עבירה פון הויז אַרויסצולאָזן.

אַף אַלע כּלים האָט דער ווינטער זיך צעלאָזן.
דיביימער קראַכן, סע נעמט דער פראָסט די קאָרע ליפּען,

סע פֿראַכן פֿערד און שווערע בוידן סקריפּען,
און טירן ריפּען–
ווער קומט עס איצטער? און דורך וועלכע שטראָז?

ב

ווער קומט אין אַזאַ נאַכט דורך די פּאַרווייטע שליאַכן?
ווי פֿאָרט מען דאָס? וואוהין איצט און פֿונוואַנען?
דאָס פֿאָרן באַלעגאָלעס מיט בוידן און געשפּאַנען,
די בייטשן קנאַלן, ס׳פֿראַכן פֿערד און רעדער קראַכן.

זיי פֿירן דייטשלעך–סוחרים–איינס אין איינס ווי פּאַנען,
אין קוטשמעס, פֿוטערס און אין גלאַנציקע שטיוועלעטן,
מיט גילדענע זייגערס און מיט שניפּסן און מאַנזשעטן,–
פֿאַרנעמען די אכסניות, און וואו ס׳איז פּלאַץ פֿאַראַנען.

און פֿול געוואָרן זענען גאָר מיט זיי די שטיבער,
מע האָט געגעסן און געטרונקען און געזונגען,
געצאָלט דעם פּולן מקח און זיך נישט געדונגען,
סע האָבן רענדלעך פֿריילעך פֿון האַנט צו האַנט געקלונגען,–
אַזוי איז שעה נאָך שעה פֿאַרגאַנגען און אַריבער.

און ס׳האָט גערוישט, געטומלט–זיי האָבן אַלץ פֿאַרנומען.
צעלייגט זיך מיט די גילדענע קייטן ווי מאַכטאָנים,

און אַלע מיט איין קול, און איינס אין איינס–איין פּנים,–
ווי די נישט־גוטע, אַז נישט־געדאַכט... אַף אַלע שונאים!–
וואָס איינעם קאָן אַמאָל אין זינען קומען.

נאָר איידער נאָך סע האָט גענומען טאָגן,
אַז מיטאַמאָל–ערשט אַלע זענען זיך צעפאָרן;
דער ווינט האָט זיך געלייגט, און אַז ס'איז טאָג געוואָרן,
געשטאַנען זענען שטיבער אָן דעכער און אָן שטאָרן,
און אידן מיט דער אָרעמקייט אין דרויסן, ווי פאַרלאָרן,
און ווי זיי וואָלטן פון די כוחות זיך אַרויסגעשלאָגן
האָט טיפער צער אין זיי נישט אופגעהערט צו קלאָגן.

פֿאַרפֿרילינג

סוף־אדר וואַרימע וועטערן און רעגנס–
די זון דרייט אויס איר פּנים צו דער ערד.
די ווינטן פֿרעסן אויף די אויסגעוואַשטע שנייען,
די וואָלקנס ווי די זעגלען דרייען זיך און גייען,
און ווערן נישט אין בלויע טייכן אונטערוועגנס.

פֿון טייכן טויכן ריזן אויף מיט לייבער ווי פֿון פֿערד,
אַ טרייבער כאַפּט זיך אויף אַף זיי און נעמט מיט בייטשן קנאַלן.
ער טרייבט אַראָפּצוצו זיי לאַנגזאַם צו דער רויער ערד–
מע נעמט צעפֿירן דאָס שמעקעוודיקע מיסט פֿון שטאַלן.

די פֿעלדער שימערן מיט וואַסערן און קוואַלן,
מיט גאָלדענע שטעגן ביז אַרויף אין זונעוודיקן לאַנד;
די טויערן און טירן האַלטן אין איין פֿראַלן,
די וואַרימע ווינטן וויגן זיך ווי ווייכע וואַלן,
און פֿאַלן בעטנדיק, ווי טיר און טויער צו אַ וואַנט,
צו רויער ערד און בלויער פֿלאַך פֿון טייך ווי צו אַ האַנט.

נאָך אַ פרילינגרעגן

דער רעגן איז אַריבער. די שווערקייט האָט געמיטן.
די פרייד פון קינדער נעמט אין גאַסן העלן;
צעוואַשטע קאַטשערעס און לאַפּעטעס פאַר שוועלן;—
דער הימל און די הייזער האָבן זיך געביטן.

סע גייען וואָלקן און סע גייען ריזן,
מיט שילדן און מיט שפּיזן גייט אַ מחנה ריטער,
און גיטער מיט פּאַלייען, רונדאַרום מיט היטער;
אַ ריז, אַ וואַסערטרעגער מיט פיר גרויסע עמער;
אַ בער, אַ בופלאָקס, אַ סטאַדע לעמער—
און לאָזן זיך אַרונטער אַף די הויכע וויזן.

סע בייטן גערטנער זיך, און איבער שטעגן, שטראָזן—
די זיסקייט פון די בלומען, בעז און קאַרשנבליטן,
דער ווילגערוך פון ביימער און פון גראָזן,
וואָס האָבן זיך אָט־ערשט געבויגן ווי פאַרשניטן.

און אַלץ, וואָס איז געדריקט געווען פאַר דעם רעגן—
האָט אופגעאָטעמט און איז פריי און פול געוואָרן.
אַ גילדענע קאַרעטע קומט איבער אַ בריק צו פאָרן
און לויפט מיט אַלע טייכלעך גאָלד דער זון אַנטקעגן.

סוף־זומער

סע שמעקט מיט סמאָלע און מיט פרישע קלעצער,
דער טאַרטאַק פּייפט און הודיעט פון באַגינען.
די גאַטערס זעגן און סע זשומען די מאַשינען—
פאַרפול מיט שטויסן ברעטער שוין די פּלעצער.

די שטראָזן שטויבן מיט פּויערים און פורן,
אַ סוחר קומט צו פאָרן מיט אַ בריטשקע;
דאָס וואַסער רוישט און שוימט מיט שיפער און מיט שיפן,
די וואָלקן שוועבן און די שוואַלבן שטיפן,
די אינגלעך שפּילן אַף דעם וועג אין קיטשקע.

דיווילדע גענז פליען רייענווייז ווי שנורן,
איך גיי ווי איך וואָלט נאָכגיין אַ פאַרגייענדיק געזאַנג,
די קעצלעך וואַרימען זיך אַף דער זון און מורן,
דער ווינט פאַרווייט אין סאָד די לעצטע זומער־שפּורן,
דאָס האַרץ נאָגט עפּעס אַזוי זיס און באַנג.

לידער פון האַרבסט

א

מיט איינמאָל–ערשט דער גאַנצער וואַלד האָט זיך געביטן.
אַ גילדענער רייטער איז געקומען איבערן לאַנד,
מיט שילד און שפּיז אין האַנט און איז פון ראַנד צו ראַנד
דעם גאַנצן וואַלד אַדורכגעריטן.

די ביימער האָבן אופגעבליט מיט בליטן,
די דעמבעס זענען ברוין און בראָנז געוואָרן,
די בוכן האָבן שוין די בלעטער גאָר פאַרלאָרן–
און נאָר דאָס גרין פון סאָסנעס האָט זיך נישט געביטן.

אַ שטילקייט האָט דעם וואַלד אַרומגענומען:
אַזויפיל גאָלד צופוסנס און אַף די קרוינען,
ווי גאָט אַליין וואָלט קומען אין דער שטילקייט וואוינען–
די בלעטער האָבן אָנגעהויבן פליסטערן און זומען.

ב

דער פּויער האָט די פּעלדער שוין געשניטן,
די גערטנער אָטעמען מיט פולקייט און מיט זאַטקייט,
די גרילן זעגן מיט אַ זיסער מאַטקייט —
דער גילדענער רייטער האָט צעלייגט זיך אינדערמיטן.

די סטויגן וואַקסן העכער פון די שטיבער,
אַרום די סטריכעס שטריק מיט געלע קוקורוזעס,
די הויפן פול מיט גילדענע האַרבוזעס —
די שפּע גיסט זיך ווי אַ פולער טייך אַריבער.

מע גראָבט קאַרטאָפל און מע מלויצעט קאָרן,
די מיידן קלאַפּן פלאַקס, זיי קעמען אים און זינגען;
פאַרנאַכט־צו קומען אָנגעסטרויעטע די אינגען —
דאָס זינגען גייט אויף ביז אין בלוי אין קלאָרן.

און אין די סעדער שטייען אָנגעפילטע קערב —
סע שמעקט מיט ווינטערעפּל און מיט לעדערבאַרן,
און אין די נעכט איבער די טייכן אין די יאַרן
גייט די לבנה ווי אַ שאַרפער ווייסער סערפּ.

גערעטעניש

סע שמעקט מיט ווינטערעפּל און מיט באַרן,
מיט דאַרן אויבס, מיט דיניעס און האַרבוזעס,
מיט היי און קאָרן און מיט קוקורוזעס–
אַ שפע–ממש מיט די הענט צו שאַרן.

מיט טייכן און מיט מילן רוישן יאַרן,
און בערג–מיט וועלדער און מיט וואַסערפאַלן,
די פייגל שאַלן, סע וואַרטן בהמות פאַר די שטאַלן–
אָט באַלד און ס'איז שוין צייט זיי צו פאַרשפּאַרן.

די בערג מיט גאָלד אַרום די שטעטלעך האַרן;
לאָז קומען ווער סע דאַרף און פון די אוצרות קלייבן,–
ס'וועט פאַר די פייגל און די חיות אויך נאָך בלייבן,–
און פירט אין שטאָט אַראָפּ מיט וועגענער און גאַרן.

אין די געבערג

דער שוימיקער געבערג־שטראָם רוישט און שרייט,
פון ווייטן איבער בערג קומט אָן געוויטער;
דער שווערער ווינטער האָווערט איבער גיטער–
געמיטער ווערן שטאַרק און גרייט ווי צו אַ שטרייט.

סע קומען אָן קאָליעסן מיט פיל פרעמדע לייט,
און אופגעראַמטער ווערט דער פערשטער און די היטער;
דער סאַמאָוואַר שטייט גאַנצע אָוונטן אַ צעגליטער,
סע רוישן פרעמדע ווערטער און דער מוטערס שבת־זייד.

די שליטנגלעקלעך האַלטן אין איין שאַלן,
דער פאָטער קומט און פאָרט אין ווייטן וועג;
די הויכן הילכן דורך דעם וואַלד מיט האַק און זעג,
די העקער האַקן און די ביימער פאַלן;
דאָס קנאַלן קנוילט זיך איבער וועגן גאַנצע טעג,
דער פראָסט שפּאַצירט דורך זרובעס ווי דורך ווייסע זאַלן.

דערוואַרטונג

דער פאָטער פאָרט און קומט פון ווייטן וועג,
די מוטער שיינט אין שבת־זייד און צירונג;
דערוואַרטונג קלאַפּט ווי פּאַר אַ וואונדערלעכער פּאַסירונג,
פון יעדן בעט ברענט גאָלדיקרויט אַ פּליושן דעק.

די העסעס לייכטן ביי די פענסטער און די שפּיגלען,
דער בליצלאָמפּ ברענט און די קרישטאָלן פינקלען;
סע שמעקט געבעקס און ס'שמעקט פון אַלע ווינקלען—
אין דרויסן שליטנגלעקלעך און די טויערריגלען.

אָ וואונדערלעכע ווינטערנעכט און טעג.
מאַכטאָנים קומען מיט געזאַנגען און כּלי־זמרים,
אַ זינגעוודיקע זיסקייט פּילט אָן די חדרים;
דער זיידע גייט אין גאַרטל מיט זיין ליולקעציבעק,
די מיידלעך פּאָרן אין טעאַטער זען דעם דיבוק,
און פּאַר די קינדער גליען רענדלעך פולע זעק.

מוטערשאַפט

די גאַנצע גוטסקייט האָט אַזוי זיך אויסגעגאָסן
אַף איר געזיכט און אַף איר לייב און לעבן,
ווי ס'וואָלט די וועלט זיך אופגעשלאָסן
און איר דאָס גאַנצע האָב־און־גוטס אַוועקגעגעבן.
גייט בּרייט און מיט אַ ליכטיק אָפענעם שטערן
ווי איר אַליין וואָלט גאָר די וועלט געהערן.
און ווי סע וואָלט אין איר אַ זיסקייט גערן,
און ווי זי וואָלט אין זיך די זיסקייט מערן
און נערן זיך מיט דעם, וואָס הייבּט אין איר אָן ווערן–
אַזוי איז זי מיט זיך אַליין פאַרנומען.
זי שמייכלט ווי זי וואָלט וואָס זען און הערן,
זי שמייכלט–און פאַר די אויגן נעמט עס בּליען:
סע בּליען ביימער, ס'בּליען קינדער, און אינמיטן
אַ יונגער בוים און פול מיט בּליטן.
די בּלעטער זינגען, זומען, קינדער קומען,
און טאַנצן אַרום איר, די פייגל פליען,
די פייגל פליען, פייפן – – –
און ווי סע וואָלט אין איר זיך צייטיקן און רייפן
און וואָלט אין וואָרן גאָר מקוים געוואָרן
דאָס, וואָס זי האָט געכאָלעמט אַלע יאָרן.

מיין פאָטער

א

שטענדיק דאַרשט ער מיר וואָס זאָגן.

וואָס עס רוט אין שויס פון זיין האַרצן–
האָט ער מיר קיינמאָל נישט געזאָגט.

אַ בלויער טרויער
פאַרשאָטנט דאָס ליכט פון זיין לעבן.

ווען ער רעדט מיט גאָט
ווערט ער האָפערדיק.

זיין נשמה נעמט זינגען
פון זיסקייט צו גאָט.

וואונדער
בליען אייביק פאַר זיינע אויגן.

יעדער אורח ביים טיש
איז פאַר אים גלוי־אליהו,
ער ברענגט אים בשורות־טובות
פון ווייטע ישובים
און אַן אָנזאָג אויף ביאת־המשיח.

פון הינטן–שטענדיק אַן עמוד־ענן,
זיין פאָרויס אָבער–אַן אייביקער עמוד־אש.

אַ איד—אַ סוחר

ב

אַף זיין קאָפּ
טראָגט ער גאַנצע בערג מיט וואַלד.
מיט די היילן און מיט די חיות,
מיט די יעגער און פייגל־סטאַיעס
און מיט דעם פערשטער און שומר.

אַף די פינגער—
אויסגעצייילטעביימער.

אַ גאַנצע ליבע וואָך
רוישט פאַר אים אַ סמבטיון
מיט פויערים און באַלעגאָלעס,
מיט סוחרים פון קרוינפוילן,
פרייטיק האַלבטאָג
ווערט שטיל—
דער סמבטיון נעמט רוען.

דעמאָלט וועט ער היימיש
מיט דעם הויז, מיט די קינדער,
און פּאָטערלעך און האַרציק,
אַ זיסקייט—
פֿאַר דער אופגעראַמטער מוטער.

אַף אַלע פענסטער בליען די וואַזאָנעס
און דופטן
מיט דער זיסקייט פון שיר־השירים
און פרייטיק־צו־נאַכטיקע זמירות.

שבת

אַז שוין דער ערבֿ־שבת טראָגט אין זיך דעם קודש,
איצט ווי שוין שבת, וואָס איז פול און גאַנץ
ווי די לבֿנה אַרום האַלבן חודש,
און וואָס לייכט אויף פאַר יעדן אידישן הויז,
ווי שבת־ליכט אין פענסטער פון דער קלויז,
און איז פאַרפול: גייט איבער ווי דער קידוש־כּוס
מיט אַלעמגוטן; ווי שוין שבת, וואָס
איז פול מיט וואַרעמקייט און זאַטקייט,
מיט רו און רחבֿות און מיט אַ ליבער מאַטקייט
ווי נאָך באַהעפטן זיך; און זינגט פון ווייַן און שייַן
און רו; פון טעג, וואָס וועלן לויטער שבת זייַן;
אָ ווי שוין שבת, וואָס איז לויטער גלאַנץ,
און פול מיט מצוות ווי אַ מילגרוים מיט קערנער,
און איז באַקרוינט מיט מעשׂים און מנהגים,
מיט דינים און מיט סיגים, ווי מיט תּגים
די אותיות אין אַ ספֿר־תּורה; איז גרויס און גאַנץ,
און פרייַ פון שטרויכל ווי אַ קייזערשטראָז פון דערנער,
און איז אַזוי פאַרצאַמט פון יעדן דרויסנוועג,
אַז ער דערהייבט זיך צווישן די האָרעפּאַשנע וואָכנטעג
ווי אַ שלאָס מיט אַ שיצנדיקער שאַנץ.

אין דער פרעמד

שוין יאָרן, אַז איך האָב מיין פאָטער נישט געזען–
איך קאָן מיך קוים זיין אויסזען איצט דערמאַנען.
ס'איז אַלדינג אַזוי ווייט, העט ווייט פונדאַנען,
וואָס ס'איז אַמאָל, אַמאָל אין פאָטערהויז געשען.

איך בין פיל שטעט און לענדער אויסגעפאָרן,
אין משך פון די יאָרן האָבן ויפל וואונדער
געבליט פאַר מיר, פאַר אים. פולער, רונדער
געוואָרן זענען מיינע יונגע יאָרן.

כ'האָב אַלדינג שוין דערלעבט און שוין געזען.
איך טראָג די זינד פון בלוטיקן יאָרהונדערט,
מיין בליק ווערט מער פון קיין זאַך נישט פאַרוואונדערט,
ס'איז אַלץ ווי ס'וואָלט פון תמיד אָן אַזוי געווען.

כ'וועל אייביק דאָס אַמאָליקע שוין בלויז דערמאַנען,
און דאָס פון וואָס כ'האָב גאָרנישט ניט געוואָלט צו ויסן;

כ'האָב צו דער פרעמד און פרעמדע זיך געריסן –
איך האָב נאָך דעמאָלט אַנדערש ניט פאַרשטאַנען.

כ'וועל נישט דעריאָגן נישט מיט שיפן, נישט מיט באַנען
וואָס ס'איז מיר אַזוי נאָנט געווען און אייגן.
איך וועל מיין קאָפּ שוין אייביק צווישן פרעמדע לייגן,
און וועל פון אייגענע שוין טראַכטן בלויז און אַנען.

אַ ליד

איך בין אַף די וועגן
אַרויס מיט געזאַנג,
מיט וואונדער אַנטקעגן
געווען איז דער גאַנג.

פאַרוואַנדלט דער דאָרן,
ער גרינט און ער בליט.
יעדע וואונד איז געוואָרן
אַ חלום, אַ ליד.

דער צאַם–וועג צו פרייען,
יעדע הייל–אַ פּאַליי,
און פריינד–בוים און חיה–
אין פרייד און אין וויי.

אַ וואונדער, אַ וואונדער,
אַ טראָט נאָך אַ טראָט.
מיט אַלץ און באַזונדער
אין אייביקן ראָד.

אַ שיין און אַ שאָטן,
אַ פרייד און אַ שרעק;
געווען און צעטראָטן—
און ווייטער אין וועג.

פאָרויס און פאַרוואונדערט,
אָן רו און אָן ראַסט;
פון בלוטיקן יאָרהונדערט
געטראָגן די לאַסט.

געפאָרעמט, געקנאָטן,
געבויט און געפּלאַנט;
צעבראָכן, צעשאָטן—
און אָט שוין ביים ראַנד.

צעבלוטיקט פון שפּרייזן,
געבויגן פון יאָך,

נאָר אָט און באַווייזן
וועט אַ וואונדער זיך דאָך.

געכאָלעמט, געשפּונען,
אַ יאָר נאָך אַ יאָר.
אָט באַלד און צערונען
אי חלום, אי וואָר.

מיינע נאָענטע אין קאָלאָמיי

מע לערנט תּורה, מ׳לייענט ביכער און גאַזעטן,
און באַנען קומען טאָגווי־נאַכט פון גאָר דער וועלט;
און וואָס עס איז געווען פאַרבאָרגן און פאַרשטעלט
אַנטפּלעקן יעדן טאָג אומזעבאַרע שטאַפּעטן.

אַ פאָלק פון לויטער טרוימער און פּאָעטן!
אין חלום זעט׳ן וואָס ס׳האָט אַלעמאָל געפעלט.
אַ פּאַלאַץ ווערט דאָס שָפּלסטע געצעלט—
סע גליען טערעמער און גילדענע מינאַרעטן.

סע בליען וואונדער הינטער אַלעמענס שטראָכעטן
און גייען ווי געבעטן אויף אין יעדנס זעל,
מע ווייסט אפילו וואָס סע טוט זיך אַף די פּלאַנעטן,
און קלאָר איז דער פאַרבאָרגנסטער און טיפסטער קוועל,
סע ליגט אַן אָפנע גאָר די וועלט פאַר יעדנס שוועל,
נאָר שווער די אייגענע דלת־אמות איבערטרעטן.

אין צימער פון דעם כלהמיידל

בײַ איר אין צימער איז זיך אַלץ געלעגן
אַזוי אין אָרדענונג, ווי יעדע זאַך
וואָלט וואַך געשלאָפן אונטער כּישוף, אַך
און וואַרטן, וואַרטן, עס זאָל פון ווייערטוועגן
ווער קומען, וואַרטן ווי מיידלעך וואַרטן
אין די פאַרנאַכטן אַף אַ געגאַרטן,—
און זאָל זיי נאָר באַרירן. און מיט אַ מאַך
וועט אָפּטון זיך פון זיי דער כּישוף־שלאָף,
און לאַנגזאַם וועלן נעמען ווערן וואַך
די ווייסע און געפלעקטע הערטן שאָף,
וואָס רחל טרייבט פון פעלד צום ברונים צו,
וואו יעקב וואַרט מיט נאַכט און רו.
און וועלן נעמען לאַשטשען זיך ווי ליבע;
אופלייכטן וועלן שולמית טיפע אויגן,
און שלמהס—וואָס ווי שאַרפע פיילנבויגן
זוכן זי אין די ווייגערטנער אַרום;
סע וועלן נעמען בליען בלום נאָך בלום

פון בילדער און פון שטיקערײ
אַף טיש און פּיאַנע און אַף אַלע װענט
און װעלן ציען זיך װי גאַרנדיקע הענט;
די אױסגעשטריקטע פֿײגל װעלן נעמען פֿליען,
נישט װערן װעט די שטילקײט פֿון מאַדאָנעס
און דער לבֿנהס בלײכע אױסגעכאָלעמטקײט,
װאָס ליגט אַף יעדער זאַך פֿאַרשפּרײט.
דאָס גאַנצע צימער װעט אָנהײבן בליען
װי פֿרילינגצײט צעבליען זיך װאַזאָנעס
און װי סע בליט אין מײדל־האַרץ אַ כּלה־פֿרײד.

דעם נגידס בת־יחידה

זי איז פון שטוב צו שטוב אַזוי אַרומגעגאַנגען
ווי זי וואָלט נישט געקענט פאַר זיך קיין אָרט געפינען,
האָט זיך געלאָזט מיט יעדער קלייניקייט באַדינען
געצויגן זיך און האָט געוואָלט דערלאַנגען
פון אַלעם עפּעס, וואָס איז גאָרנישט ניט פאַראַנען,
ווי דאָס אָבער, וואָס זי פלעגט טונקל אָנען,
וואָלט הינטער יעדער זאַך געווען באַהאַלטן,
נאָר האָט זיך נישט געקענט פאַר איר געשטאַלטן.

אַזוי האָט זי איבערגעהאַט מיט אירע פינגער
די שטיקערײַ און בילדער, ביכער און וואַזאָנעס,
דעם סלאָי מיט די קראַמעלקעס און באָנבאָנעס,
די טויטע שמעטערלינגען און די שפּרינגער—
נאָר אין די פינגער איז עפּעס אַלץ געוואָרן גרינגער.

און אַז זי איז בײַ דעם קלאַוויר געזעסן
און אירע פינגער האָבן די קלאַווישן
געגלעט, ווי זי וואָלט צערטלען זיי און קושן,
און זיך דערבײַ דערמאָנען וואָס און וואָס פאַרגעסן,
האָט זי מיטאײנמאָל אויסגעבראָכן אַ געוויין
נישט־וויסנדיק פאַרוואָס און ווען אַליין.

דער שיינער באַלעבאָס

די ערשטע זאַך, ווען ער איז אין נייעם הויז געקומען —
האָט ער זיין קול־נגינה אויספּריוון גענומען.
פון שטוב צו שטוב, און פון איין ווינקל קווער צום צווייטן,
פאַר אַ וויטרינע — און אַפּסניי אַלץ אָנגעפּאַנגען:
אָן אָנהייב פון אַ יום־טובדיקן זמר,
אַ דבקותדיק פאַרגיין זיך אין אַ חסידישן שטייגער.
איז אומגעגאַנגען ווי ער וואָלט זיין קול באַגלייטן,
און טיף זיך צוהערן צום אויסגאַנג פון די קלאַנגען
אין אַלע ווינקלען, איבער אַלע שוועלן,
ווי ער וואָלט זיי מיט זיין געהער געוואויגן
און זיי צוריק אין זיך אַריינגעזויגן.
און נאָכדעם ערשט אַפּסניי געהייסן איבערשטעלן:
די בעטן און קאַמאָדן, די שרענק און שאַפּענערן,
געהאָלפן אופהענגען די שפּיגלען און דעם שווערן זייגער,
דאָס בילד: יעקב באַגעגנט רחלען מיט איר סטאַדע לעמער.
און ווען ס'איז אַלץ צעהאַנגען און צעשטעלט געוואָרן —
האָט ער אַפּסניי זיך אָפּן קול צעזונגען,
אַז ס'האָט פון אַלע כּלים אָפּגעקלונגען.

צו ר. ש.

זי הערט ווי זי וואָלט טיף אין זיך באַגרייפן
און עפּעס אַנדערש פון דעם וואָרט געשטאַלטן.
און וואַרט—ווי אין געדאַנק וואָלט זי צוריקגעהאַלטן
דאָס אייגענע וואָרט און וואַרטן ביז ס'וועט רייפן.
און אַז זי רעדט הערט זי זיך צו צו זיך נאָך לאַנג,
און גייט נאָך נאָך דעם וואָרט און נאָך זיין קלאַנג,
ווי זי וואָלט נאָכגיין נאָך אַ ווייטן וואונדער
און ווערן גאַנץ און ווערן גאָר באַזונדער;
און ווי מיט יעדן וואָרט וואָלט אופגיין אַ מחיצה
און ווערן צווישן איר און אים, און איר און אַלע;
גייט שלאַנק און גייט דערהויבן ווי אַ מעלה
און איז אַזוי פּאַראיידלט ווי אַ פּריצה.

נאָר צווישן קינדער איז זי ווי די באָביצע,
וואָס וואַשט און צוואָגט און האָדעוועט זיי כּסדר,
דערציילט זיי מעשות, שפּילט מיט זיי אין קיצעמיצע,

און טוט זיי אָן און טראָגט זיי אָפּ אין חדר.
איר בליק ווערט דעמאָלט אַזוי מילד און באַנג
און פול מיט צער און צאַרטקייט, מיט לויטער גוטס,
און איבערגעבן ווי זי וואָלט דאָס גאַנצע לעבן
זיך גרייטן דעם באַשערטן אָפּצוגעבן
און איבערענטפערן זיך אינגאַנצן אין זיין שוץ.

פאַרוואַנדלונג

ביים קלאַנג פון דיינע ווערטער
קומט איבער מיר די רו,
איך הער אָפּענער, פאַרקלערטער
צו דיינע ווערטער זיך צו.

ווערסט קלאַנגען, לויטער קלאַנגען,
באַשערטער מיינער, דו,
ווי איבער מיר וואָלט געהאַנגען
די קרוין פון חכמה–דו.

דער וואַסערטרעגער

דאָס גאַנצע לעבן זיינס איז וואַסער טראָגן,
אָנטרינקען די נגידים, אָרעמעלייט און קרעמער.
און ווי זיין לעבן וואָלט נאָר שטעקן אין די עמער—
איז גייט מיט ער דער שעלקע ווי אַ פערד אין וואָגן.
ער איילט זיך נישט און ווייסט נישט פון—זיך יאָגן.
ער איז אַזוי פאַרגוילעמט ווי אַ באָק,
און ווי דאָס פערד, וואָס גייט אין שפּאַן דעם גאַנצן טאָג—
טראָגט ער אַף זיך דאָס האָרעווען און פּלאָגן.
שפּירט חיהש בלויז דעם וועג צו יעדן הויז,
און צו דער קערניצע, צוריק און צו דער קלויז.
און קיין זאַך טוט אים נישט דערפרייען און דערצערנען,
ער ווייסט נישט גאָרניט ווי ער וואָלט נישט זען, נישט הערן.
נאָר איינס: דאָס האַנטפאַס זאָל נישט קיינמאָל טרוקן ווערן,
און ס'זאָל נישט אויסגיין וואַסער פאַר די לייט, וואָס לערנען,
ווי ס'גייט נישט קיינמאָל דער נר־תמיד אויס
איבער דעם עמוד אין בית־מדרש און אין קלויז.
ער איז אַזוי פאַרחושט אין איז אַזוי פאַרטרוד

ווי ער וואָלט אייביק זיך אין זיך געגאָרעט,
און ווי ער וואָלט צו עפּעס זיך דערבאָרעט
וואָס איז פון אים אַליין און אַלעמען פאַרבאָרגן.
זיין פּנים איז צעקאַרבט, צעקאָרטשעט און פאַרקומערט –
און דאָך ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט געוואוסט פון זאָרגן –
ווי הינטערן קומער אָבער וואָלט אייביק וואָס געזומערט
און וואָלט געוואַרט צו געשטאַלטן זיך און ווערן:
לאָז קומען קהל און פאָדערן און וועקן,
און ס'וועט מיט איינמאָל זיך אַנטפּלעקן
דער כּח זיינער פון באַשאַפן און צעשטערן,
וואָס האָט פון אייביק אָן אין אים געשלומערט.

יאָסל קלעזמער

(נאָך יעיטס א מאטיוו)

אַז יאָסל קלעזמער שפּילט אַף זיין פידל
טאַנצט חברה—אַז סע נעמט נישט קיין סוף.
זיין ברודער איז רבי אין קאָסעוו,
זיין שוואָגער אין קיטעוו—איז רב.

דער ברודער און שוואָגער זענען עוסק
אין תורה טאָג ווי נאַכט;
יאָסל קלעזמער שפּילט אַף זיין פידל
די לידער, וואָס ער האָט געמאַכט.

איבער הונדערט, אַז די דריי וועלן קומען
אַף דעם עולם־האמת צו גיין,
וועט מען אַלע דריי גיין אַנטקעגן,
נאָר מיט אַ שמייכל—יאָסלען אַליין.

ווייל די גוטע זענען שטענדיק פריילעך—
אָן לייד איז דאָס לעבן נישט גאַנץ—
און פריילעכע האָבן ליב דעם פידל,
און פריילעכע האָבן ליב דעם טאַנץ.

און אַז חברה וועט אים דערזען דאָרט,—
מ'עט פאַרגעסן אָן רבי און אָן רב,—
אָט איז ער יאָסל דער קלעזמער!
און טאַנצן און טאַנצן אָן סוף.

יאָסל קלעזמער

(צווייטע פארם)

אַז יאָסל קלעזמער שפּילט אַף אַ שמחה,
טאַנצט חברה ווי אַ כוואַליע אין ים,
מע הוליעט, מע טרינקט און מע זינגט:
היי טאַידירי, טאַידירי דאַם.

זיין שותּף פּייפט אַפן פּייפל,
בערל בלינדער בועט אַפן באַס,
נאָר אַז יאָסל שפּילט אַף זיין פידל–
נעמען טאַנצן די שוועלן אין גאַס.

ער טאַנצט מיט זיין פידל אין רעדל,
דעם מאַרשעליק העלפט ער צום גראַם;
אַז יאָסל קלעזמער שפּילט אַפן פידל–
טאַנצט חברה ווי אַ כוואַליע אין ים.

איבער הונדערט־און־צוואַנציק, אַז ס'וועט קומען
אויף יאָסלס שעה צו גיין,
וועט ער פֿאַרן כּסא־הכּבֿוד
זיך שטעלן אַליין און קליין.

נאָר אַז חבֿרה וועט אים דערזען דאָרט–
היי טאַידירי, טאַידירי, דאַם.
אָט איז ער יאָסל דער קלעזמער!–
און טאַנצן ווי אַ כוואַליע אין ים.

„דער פּאַריזער שטוצער"

אַזוי פּאַרנייגן זיך און גריסן דאַמען
ווי ער–קאָן אפילו דער אַפּטייקער ניט.
דער „סערוואוס" זיינער און זיין „קיס די האַנט"
איז זינגט און גליטשט זיך כּסדר אַפּן ראַנד
פון זיינע ליפּן, און דערמאָנט אַ טאַנץ, אַ ליבעליד,
וואָס איינע זינגט פאַרנאַכטן פאַר דעם הויז
מיט אַזאַ קול, אַז ס'חיות גייט אַזש אויס.
וואָרן זינט ער איז אין שטאָט אַראָפּגעקומען–
זענען מיידלעך נאָר מיט אים פאַרנומען,
און כּסדר ציט עס זיי נאָר אַף שפּאַציר.
די מאַמעס אָבער איז דאָס גאָרנישט ניט צום האַרצן,
וואָרן אַזאַ גאַלאַנטער קאַוואַליר
קאָן נאָך חלילה ס'פּנים זיי פאַרשוואַרצן.

זיין שמייכל און זיין נייג, דער קאָלנער מיטן קרויז,
די רויז אין לאַץ, און אַלץ אַף אים צוזאַמען:
די העלע הויזן און דער טונקעלער ראָק,

דער הוט, וואָס אַף אַ זייט, דער פיינער שטאָק,
(אַז אַלץ ביי אים—פון אויבן ביז אַראָפּ,
איז לויט דער לעצטער מאָדע אין פּאַריז)
זיין גאַנצע העפלעכקייט, בעת ער טראַקטירט
אַ דאַמע מיט אַ פּאָרציע ליאָדע אָדער סאָדע,
פאַרווירט ביזן וואָרצל פון די האָר אין קאָפּ,
אַז ס'נעמט אַזש אָפּט דעם מיידלס פּנים פלאַמען.
זיין גאַנץ באַנעמען זיך און האַלטן—איז
ווי אים וואָלט קיין זאַך נישט געווען אין זינען
ווי נאָר די מיידלעך רייצן; און באַדינען
אַלעמען מיט כיינדלעך און מיט דריידלעך,
וואָרן ס'גאַנצע טראַכטן זיינס איז נאָר ווי חן געווינען
און אויסנעמען ביי אַלע מיידלעך.

דאָס ציקעלע וועט פאָרן האַנדלען

די בערג מיט קיפּער, פּיכטן און מיט טאַנען,
מיט לאַנען און מיט שטראָמען אַלע טאָלן.
ווער ס'וועט דעם קאָרן אין די מילן מאָלן,
און ווער—מיט האָלץ פאַר ברויט באַצאָלן;
דער וואָלף וועט אַף די בערג אַ הונגעריקער וואָיען,
דער ווילדער חזיר-־זיך אין גריבער ראָיען,
דער יעגער וועט זיין ביקס און בויגן שפּאַנען.

דער הוצול וועט זיך נייע שאָפּעס בויען,
פאַרריכטן אַלטע פּלויטן און פאַרקאַנען,
וועט עסן ברויט מיט זויערקרויט און שינקען,
מיט שנאַפּס און שפּירט געשמוגלטן פאַרטרינקען;
דאָס ווייב וועט קעמען פלאַקס און לינען וועבן,
מאַלאַי מיט זויערמילך—די קינדער געבן,
דאָס קעלבל וועט זיך ביי דעם אויוון וואַרעמען,
און אַף דעם ציקעלע וועט זיך גאָט דערבאַרעמען.

דאָס ציקעלע, דאָס ציקעלע וועט פאָרן האַנדלען,
וועט איבער פּוסטע וועלדער וואַנדלען,
דער איד וועט אין די דערפּער פּרנסה זוכן,
אַז גאָט זאָל אַ מציאה אים בּאַשערן
דאָס ווייבּ און קינדער צו דערנערן,
דאָס ווייבּ און קינדער בּאַקליידן און בּאַשוכן.

אין דאָרף

ס׳גליטשן זיך פון די בערג אַרומגעהאַקטע קיפער,
די שיפער אַפן וואַסער בינדן פליטעס,
דער נָאמן נעמט און טיילט פאַנאַנדער קוויטעס,
און מאַכט אַף יעדן קלאָץ אַ סימן און אַ טשיפער.

די הויכן נעמען זייער אויסזען בייטן:
וואו וואַלד געווען איז וואו־נישט־וואו אַ בוים פאַרבליבן;
די יעגער לאָזן זיך אין ווייטע וועלדער רייטן,
די חיות האָבן אין די היילן זיך פאַרקליבן.

דאָס פייגעלע איז פון דער נעסט אַוועקגעפלויגן טיפער.
נישטאָ באַלד אַף די בערג שוין וואָס צו היטן,
אַ שייגעץ מיט אַ שיקסע צעטאַנצן זיך אינמיטן
און אַפן פייפל שפילט פאַנאַנדער זיך דער שטיפער.

אין דאָרף

(צווייטע פארם)

די העקר האַקן, ס'פּאַלט אַ קיפּער נאָך אַ קיפּער,
פון הויכע וועלדער בלייבן נאַקעטע פּלעצער.
ס'גליטשן זיך פון די בערג אַרומגעהאַקטע קלעצער;
די שיפער אַפן וואַסער בינדן פּליטעס,
דער נאָמן נעמט און טיילט פאַנאַנדער קוויטעס,
און מאַכט אַף יעדן קלאָץ אַ סימן און אַ טשיפער.

דאָס דאָרפאינגל פאַרשטעלט זיך פאַר קעניג־בער–נבוכדנאצר,
און אַפן פייפל שפּילט פאַנאַנדער זיך דער שטיפער;
אַ שייגעץ מיט אַ שיקסע צעטאַנצן זיך אינמיטן.
דער יעגער איז אַף אַנדערע בערג אַוועקגעריטן,
דאָס פייגעלע איז פון דער נעסט אַוועקגעפלויגן טיפער.

דאָס ליד פון ווינטער

עך, פון עק וועלט און ביז עק וועלט
האָט ווייסער ווינטער זיך געשטעלט.
קלינגט, גלעקלעך, קלינגט!

די בלאָטע איז געוואָרן ניט;
אין שטאָט וועט ווידער זיין יאַריד.
קלינגט, גלעקלעך, קלינגט!

סע פליען שליטנס און פעלד און וואַלד,
סע פאָרן גויעם–יונג און אַלט.
קלינגט, גלעקלעך, קלינגט!

די וועגן ווערן ווייס און גלאַט,
פון אַלדאָסגוטס וועט זיין צו זאַט.
קלינגט, גלעקלאַך, קלינגט!

מיט ברויט און ברינדזע פול די מערק,
און עפּל, בולבעס־גאַנצע בערג.
קלינגט, גלעקלעך, קלינגט!

מע שניידט געהילץ און האָלץ אין וואַלד־
ביי קיינעם וועט נישט זיין מער קאַלט.
קלינגט, גלעקלעך, קלינגט!

יאַריד

א

באַגינען שוין האָט דער יאַריד געטאָן זיך שטעלן:
סע קומען פּויערים און ס'קומען באַלעגאָלעס
פאַרגאַרטלטע מיט שטריק און אונטערגעבונדענע פּאָלעס—
סע שמעקט מיט דאָיעט און מיט פרישע פעלן.

סע קומען שיקסעס און פאַרפּוצטע מוידן
מיט שלייפן און מיט בענדער, אין רויטן און אין געלן;
באַהאַנגען און באַהאַלזט מיט פאַציערקעס און קרעלן—
ציגיינער און ציגיינערנס אין פאַרמאַכטע בוידן.

אַ פאָרן הער און הין, אַ גייען און געדרייען.
און מיטאַמאָל סאַראַ געלאַף עס איז געוואָרן:
אַ גוי איז אין אַ בויד אַריינגעפאָרן,
סע פאַלן קלעפּ און קללות און ס'גייען אויף געשרייען.

און מיטאַמאָל איז אַלדינג ווידער גוט געוואָרן,
אַ „גוטער ברודער" האָט אַריינגעטאַנצט אינמיטן;
און מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט ווי אונטערגעשניטן
איז יעדער צד זיך שטיל זיין וועג אַוועקגעפאָרן.

ב

אַף טישן און געשטעלן אין דער לענג פון מאַרק
ליגן פּעלצן, פּירות, געמעלן און געוואַנטן,
און עסנוואַרג און לייוונט און שטיוול–באַרג אַף באַרג,
וואָס סוחרים האָבן אָנגעבראַכט פון ווייטע קאַנטן.

אינמיטן מאַרק אַף ברעטער שפּילן קאָמעדיאַנטן,
צוויי מיידלעך מאַכן קונצן מיט אַ שטריק,
און איינע מיט אַ שירעמל אַ רויטן ווי אַ צוויק
שפּאַנט הין און הער אום אַף אַ דראָט ווי אַף אַ בריק–
סע וואַרפן אייגלעך צווישן זיך די פראַנטן.

די פּאָליציאַנטן אַזוי אופגעראַמט און שטאַרק
ביי זיך ווי ס׳גאַנצע מאַרק וואָלט זיין אַף זייערע פּלייצעס,
און ווי זיי וואָלטן האַלטן פון יאַריד די לייצעס,
און גיין אַליין מיט אַ צוריקגעצויגענעם קאַרק
ווי פריצישע פערד אין שפּאַן–שטייף און שטאַרק,
זיי טשעפּען זיך צו די ציגיינער אַף דעם מאַרק,
וואָס וואַרפן קאָרטן, וואָרזאָגן און גיבן עצות.

דער באַלעגאָלע

שוין אין זיין שווערקייט, אין זיין גאַנצער צורה
איז דאָ די טעמפּע אומדערשראָקנקייט
פון אייביקן גולם; אין זיין אומגעלומפּערטקייט
און שטומקייט—ליגט אַ וועלט מיט רויער גבורה.
און שטענדיק—ווי מע וואָלט אים אָנגעטראָטן—
ברומט ער, קאָכט ווי אַ בורע וואָלט אין אים געזאָטן.
זיין קאָפּ איז ווי אַ ווילדער פּיען באַוואַקסן:
צעשויבערט, געל און טעמפּ ווי רויע פלאַקסן.
און רונדאַרום געזיכט אַ האַרטע רויטע באָרד,
ווי קופּערנע צונויפגעדרייטע דראָטן,
זיין ביסל פּנים, וואָס איז נישט באַהאָרט—
צו נאָז און אויגן—איז ווי אַן אויסגעטראָטן
געזונט און רויט שטיק לעדער, ווי די דיקע אַקסן
פון זיין בויד—זענען זיינע קורצע הענט,
און שטאַרק—נישטאָ דאָס, וואָס זיי וואָלטן נישט געקענט.

ער ווייסט נישט פון קיין שרעק. דער פּחד פון ביינאַכטן
האָט קיינמאָל נישט אַף אים קיין שליטה;

אים אַרט אויך נישט דאָס לעצעווען פון די נישטגוטע,
וואָס לאָקערן אין שפּעטע שאָען אַף די שטראָזן
און זיינען פאַר פאַרשפּעטיקטע אַן אימה,
ער פאָרט דאָס גאַנצע לעבן דורך געפאַרן
און קומט אַרויס בשלום ווי גאָטס אייביקע נאַרן.
ער איז אַזוי מגושם ווי זיין טראַכטן,
ווי ס'וואָרט זיינס. אים איז לייכטער זיך אויסטיינען
מיט זיין קאָבילע, מיט דער שטומער צונג
ווי מיט אַ מענשן; וואָרן ער, דער פּראָסטער יונג,
פילט נענטער זיך צום דומם: צו ביימער און צו גראָזן,
צו אלץ, וואָס דולדט און שווייגט, צו חיה און בהמה,
צו אַלץ, וואָס ציט דאָס לעבן דורך פיינען.

די אָרימקייט

דאָס גליק פאָרט איבער שטאָט אום אין קאָלעסן,
און ווער ס'האָט געלט אין קעשענע, דער לאָזט זיך וואוילגיין;
די אָרימקייט טוט איבער הייזער הוילגיין,
אַן אײַנגעשרומפּענע ווי הונגעריקע מעת־לעתן.

זי מאָנט און בעטלט איבער אַלע שוועלן,
און שרייט פון טויזנט קעלן—אַ סכּנות;
איז שוואַך און אָפּגעצויגן ווי נאָך אַ תּענית—
און וואו נאָר אַ פּורעניות—טוט זיך איר געזעלן.

ביינאַכטן וואַרעמט זי זיך און זי טוט זיך שטיקן
אין חורבות, לעכער, קעלערן און גריבער,
זי קאָכעט זיך און וואַקסט—און וואַקסט אַריבער
די הויכע שטיבער פון דעם מזלס גליקן.

פֿאַר מיין טעגלעכן באַדאַרף, מיין גאָט,
ווער איך אַיעדן טאָג צו שאַנד און שפּאָט.

(פון מיינע פּסאלמען)

פליכט

צו אָוונט צו איז ער אַהיימגעקומען
אַזאַ מידער, אַז זיינע אויגנלידער
האָבן זיך שווער און טעמפּ אַראָפּגעבויגן
איבער די אויגן זיינע אונטערן שטערן,
אַז ווי זיין שטערן וואָלט די שווערסטע לאַסט
געווען, וואָס ער האָט אומזיסט אַרומגעטראָגן
אַ גאַנצן טאָג דורך גאַסן, מערק און סקווערן.
און נאָכדעם ווי ער האָט אין ביידע הענט
זיין קאָפּ אַריינגעלייגט, און אָפּגעווענדט
פון אַלץ–פון דרויסן און פון דרינען–און פרעמד,
האָט ער אים קריק אַרויסגענומען, ווי מע נעמט
אַ שווערן באַל אַרויס פון איינעמס הענט;
סע האָט זיין בליק זיך אויסגעגלייכט
גלייך ווי ער וואָלט פון שטרויכל אויסגעווייכט;
און ווי ער וואָלט פון אַלדינג זיך באַפרייען
און שנעל געקומען צו אַ פעסטן רעיון,

האָט ער די אויגנלידער אויפגעבויגן –
באַפרייט פון אַלע פּלאָנטערס און געוועבן,
אַ לויטערער, אַ שטאַרקער אין זיין שווייגן –
און מיטאַמאָל אַפּסניי אַף זיך די לאַסט גענומען
צו טראָגן זי – אין פאַלן און אין שטייגן,
און ווי אַבוים, וואָס טראָגט די שפע פון די צווייגן
צו טראָגן זי אַ שטאָלצער דורך דעם לעבן.

דער ווייטער סוחר

האָט שטענדיק עפּעס צו דערציילן,
נאָך וועטשערע אין דער אכסניא, צי
ביים מקח נאָכן האַנטגעלט, אינדערפרי
ביים דאַוונען דעם שפּעטן מנין,
אָדער גאָר עפּעס ביי אַנדער ענין—
און אָפן ווי די שטרעקן פון ווייטע טיילן,
און פריי ווי אים וואָלט קיין זאַך ניט געווען פאַרהוילן.

און וואונדערלעך ווי די קרוינשטאָט פון אַלט־פּוילן,
און דאָך אַליין פאַר יעדן עפּעס אַזאַ לייט,
און רייך און אומדערגרייכבאַר ווייט
ווי אַ פּראָג, לייפּציק, קראָקע אָדער קיילן.

דער פּרעמדער

אַלע געדענקען און דערציילן איבער
די מעשׂות, וואָס דער פּרעמדער האָט דערציילט,
אַ וואונדער שפּינט און כּישופֿט איבער שטיבער,
ווי אוצרות וואָלטן זיינע רייד פֿאַרהוילט.

ס'ווערט יעדער איינער נעענטער און ליבער,
און האַרץ צו האַרץ נעמט נייגן זיך און ציען;
אַ האָפֿערדיקייט טוט אין יעדנס אויגן גליען,
ווען ער אַליין, דער פּרעמדער, קומט אַריבער.

דער דאָרפֿאיד

איצט, ווען ער איז שוין גרייז און גרוי געוואָרן,
און ווייסט, אַז ער דערציט דעם סוף פון זיינע יאָרן,
גליט אַלץ אַ בענקעניש אין זיינע אויגן.
און ווי סע וואָלט אים אייביק וואָס געצויגן,
געמאָנט אים און געמאַניעט אַלע זיינע יאָרן–
איז ער מיט זיך כסדר אומצופרידן.
אים ציט אַ ישוב, וואוינען צווישן אידן,
אַוועקגיין אַף דער עלטער און פאַרלאָזן
דאָס אָרט אַוואו ער האָט געפרייט זיך און געליטן,
די בערג אַוואו ער האָט געקלעטערט און געריטן,
דאָס וואַלד, דאָס פעלד, די בליטן און די גראָזן,
ער, וואָס פאַרשטייט פון פייגל דאָס געזאַנג,
דעם רויש פון ווינט, דעם וואָלקנגאַנג,
און אָן געשריי פון וואַסער, און אָן רויש פון בלעטער–
דערקענט ער די געוויטערן און וועטער,
און אָן די שטערן–אַלע צייטן,–
וואָלט אַף דער עלטער אַלץ פאַרבייטן
אַבי צו קענען וואוינען צווישן אידן
און זיין אַ לייט צווישן לייטן.

נע־ונד

נישטאָ דער פּלאַץ, וואו ער זאָל צווייִמאָל טאָגן.
אים איז באַשערט זיין לעבן צו צעטראָגן
איבער פרעמדע שטעט און שטיבער און צו לעבן
פון דעם, וואָס ווערט פון פרעמדע טישן אים געגעבן.

און ס׳דרייען זיך פאַר אים שבתים און יום־טובים,
און וואָכנטעג–שוין קיילעכיקע יאָרן;
אַ גלות־לאַנג, אַז ער איז אַ פאַרוואָגלטער געוואָרן
פון ווייב, פון קינד, פון אייגענע און קרובים.

ער וואָגלט אום פון שטאָט צו שטאָט און גייט מיט לייט,
וואָס בעטלען נאָר און בעטן זיך און בייגן,
און וועמען עס איז פרעמד שוין היים און אָרט און צייט.
ער גייט. און וואָס עס איז אים נאָנט און אייגן
און אייביק זיינס–בײַם אופשטיין און ביים לייגן–
בליט ווי אַ חלום איבער זיבן יאַמען ווייט.

איינער—אַ איד

ביטער ווי דאָס אָרעמע ברויט פון שקלאַפן
איז אים דער ביסן פון דער פרעמדער האַנט,
סע פירט אַיעדער טאָג אים צו אַ נייעם קאַנט,
און יעדער אָוונט—צו אַ נייעם האַפן.

ער איז געוואָרן נאָר צום לאַכן און באַגאַפן,
דער שפּאָט און פּחד אין אַיעדן לאַנד;
די וואַנט צו וועלכער מ׳שטייט אויסגעדרייט ווי אומבאַקאַנט,
דאָס אַכטע וואונדער פון דעם אייבערשטנס באַשאַפן.

סע לויפן טעג און וואָכן ווי אין וועט־געלאַפן,
דאָס לעבן וואַרפט אים ווי אַ ברעטל אַף אַ טייך;
ער שווימט אום אין אַ וואָלקנדיקן קעניגרייך,
און ס׳דאַכט זיך—אַלע טאַנצן אַרום אים ווי אַפן;
ער גייט—פאַרלאַכט פון נידריקסטן, צו קיינעם גלייך—
ביז ער וועט פאַלן, פאַלן און פאַרשלאַפן.

דער בריוו

דער בריוו איז ווי אַ וואונדער
אין שטאָט אַריין געקומען,
האָט יעטווידן באַזונדער
אַ לאַסט אַראָפּגענומען.

געגאַנגען איבער שטיבער,
האָט אופגעלייכט פּאַר שויבן,
האָט קעלערן און גריבער
צו ליכטיקייט דערהויבן.

אין פינסטערע געמיטער—
דערנידריקטע ווי שטויבן,
האָט ער ווי אַ געוויטער
געצונדן נייעם גלויבן.

און יעדן האָט געצויגן
די ווייטן און דאָס פאָרן,
געלויכטן אין די אויגן
האָט יעדן נייע יאָרן.

ס'איז יעדערער געוואָרן
דערהויבענער און פרייער,
געזען זיך ניי געבאָרן
אין אַ וועלט אַ נייער.

די לוויה

פאָרויס די נושאי־מטה מיט דעם אָרון
און הינטער זיי מלווים עטלעכע מנינים,
איעדער מיט אַזאַ פאַרשלאָסן פּנים
ווי מ׳וואָלט דאָס שטיקל לעבן הינטער זיך פאַרלאָרן.
געדריקט און איינגעבויגן ווי די יאָרן
באַשווערן וואָלטן יעדן דעם זכרון.
אַזוי גייט יעדער זיך אַליין באַגלייטן.
מע גייט פאַרביי די הויפן און די קלייטן,
דעם מאַרק, די קערניצע, פאַרביי דעם חדר גייט׳ן.
מע זעט זיך נאָך אַ קינד צעווישן קינדער:
אין רבינס קלויז, אין שולכל און אין חדר,
ביים סדר אַ בן־מלך אין קעניגלעכע קליידער,
לאַגבוימער מיט אַ שווערד און פיילנבויגן,
אין מעשׂות—נישט געשטויגן, נישט געפלויגן...
ביים לאַמעדוואָו—דעם בלינדן בערשטלבינדער,
אין שעכטיאַטקע, אין קיילערהויז לעם שינדער.

ווי וואונדערלעך צו זיין פאַרנאַכט אַ לאָמפּנצינדער,
אין שפּיל פון בלענדעניש—אַ בלינדער,
אין טייך אַ שווימער, צווישן חברה־לייט אַ פירער,
אין שטרייט־געווינער, בא פעלקער אַ רעגירער,
אַ יוסף צווישן ברידער, אַ מרדכי צווישן אידן,
אַ גייער און אַ דרייער, אַ סוחר אַף יאַרידן,
אַ דוד און אַ שלמה, פון חכמה אַ באַגרינדער,
פון גרעסטן גרעסער, פון עניוות מינדער,
אין קעניגרייכן—אַ שאַלטער און אַ וואַלטער,
אַ שופט און אַ זקן, אַן עלנטער, אַן אַלטער—
אַלצאיינס שוין צי צופרידן, נישט־צופרידן,
מע לעבט, אַז קוים מע קען זיך נאָך דערהאַלטן,
מע שלעפּט די פיס נאָך זיך—אַז אָטאָ פאַלט'ן,
פאַרשוואונדן די יאַרידן, די קראָמען מיט דעם מאַרק,
פאַרגעסן שוין דעם טעם פון חדווה און פון פרייד.
מע נענטערט זיך צום טייך, צום ווייסן באַרג,
פאָרויס—אַן איינציקער דער וועג צו אייביקייט.

יעל

זי איז געווען פון די חסידי אומות־עולם.
געשלייכט זיך פאַר די פאַרביקע געטער און געקניט,
און ביי ישראלן געפאָרשט אין יהוהס טריט.

זי האָט דעם גאַנצן טאָג אַפן זונענראָד געקוקט—
אַזוי האָט זי געוואַרט אַפן אויסגאַנג פון דער שלאַכט.—
די נאַכט האָט סיסראַן צו איר געצעלט געבראַכט.

ער האָט געבעטן וואַסער, האָט זי אים מילך געגעבן,
און צוגעגרייט פאַר אים אַ דופּטנדיק געלעגער—
אַזוי האָט זי פאַרזיסט דעם לעצטן אָוונט פון זיין לעבן.

גדעון

ער האָט אין שייער פֿאַרבאָרגענערהייט דעם ווייץ געדראָשן,
און פֿאַרן טויער, ווען ס'האָט דער טאָג זיך אויסגעלאָשן,
האָט ער אַ מלאַך צום ערשטן מאָל דערקענט.

צום ערשטן מאָל האָט גאָטס וואָרט פֿאַר אים געברענט, —
שוין לאַנג האָט אים געדריקט דער יאָך פֿון די מדינים:
באַגינען האָט ער צעשטערט די געטער פֿון די שונאים.

און ווען ס'פֿאַרגאָסענע בלוט פֿון זיינע ברידער
האָט מיט נקמה־דאָרשט פֿאַרגאָסן זיינע גלידער,
האָט ער מיט זיינע ווינציק אויסגעוויילטע יונגען
דאָס ליד פֿון פֿרייהייט ביי ישראלן אָפּסניי געזונגען.

חנה

פנינה געבערט איר מאַן זין און טעכטער.
אַ בלייכער צווייג איז חנה
פון אומפּרוכטפּערקייט.

פילפּאַך האָט ליב דער מאַן חנהן:
ער גיט איר זיסקייטן און בונטע קליידער
צוויי מאָל אַזויפיל ווי פּנינהן און אירע קינדער.

שיכּור זענען חנהס גלידער—
און וויינען פון נישט געבערן.

חנה קומט קיין שילה,
איבט זיך מיט גאָט צו ריידן—
יהוהס נביא איז אין אירע אינגעווייידן.

דניאל

אַן אויסגעהונגערטער ווידער איז דניאל–
אייביק שרייט זיין נשמה צו גאָט.

און אייביק איז ער פאַרוואָגלט
פון זיין לאַנד און פון זיין פאָלק,
אַ פאַרצוקונג צווישן לייבן
איז דניאל צווישן די געצנדינער.

ווי אַ געץ פון ליים און גאָלד
שטויבן אַלע פעלקער פאַר אים,
ווי דאָס טאָגליכט אַרום אַ זונראָד
ראָלט פאַר אים דאָס מזל פון די פעלקער.

ער זעט דעם פאַל און אופקום,
און הינטער זיין שטערן
גליט אייביק דער קץ.

בת־שבע

דורכזיכטיק ראָז ווענען בת־שבעס גלידער.
די מיידלעך אירע שפּיגלען זיך אין טייך—
איבער די קעסטלדיקע דעכער זינגען ווייערע לידער.

בת־שבע איז דאָס ערשטע בלאָנד אין דודס אויגן.—
פון דעמאָלט אָן איז דודס בלוט דער רעגנבויגן,
וואָס לויערט איבער בת־שבעס גלידער.

פון דעמאָלט אָן פאַרגייט אין לויטער גאָלד דער טאָג,
מיט זיסקייטן טריפט דער אָוונט אַראָפּ
אַף דודס פאַראינגטן גרויען קאָפּ.

שמואל

שוין פון מוטערלייב אַרויס
איז שמואל אַ געהייליקטער צו גאָט,
און פון קינדווייז אָן איז ער אַ נזיר.

דאָך ווער איז נאָך אַזוי ווי ער
פאַראייניט און נאָענט מיט די בני־ישראל?

ער איז די קרוין פון די זקנים,
וואָס משפטן ביי די טויערן פון שטאָט.

זיין וואָרט איז יהוהס וואָרט—
ער פירט אין קריג די אידן,
און גייט אַליין פאָרויס
מיט דעם אָרון און די כהנים.

ער איז ישראלס פאַנצער
קעגן די קריגערישע שכנים,
און אַלע שונאים ענטפערט ער איבער
אין שאולס הענט.

אים איז געוואָרן אַזוי ענג

אים איז אַזוי געוואָרן ענג אין לעבן,
ווי אים וואָלט גאָרנישט ניט צו טאָן מער בלייבן
נאָר אין די דלת־אמות זיך פאַרקלייבן,
און שטאַרן ווי די שפּינען שפּינוועבס וועבן
און פאַרן פענסטער ווינט און וואָלקן שוועבן.
אַרומשפּאַנען איבער דער שטוב און ציילן
די טריט, די ברעטער, און פאַנאַנדערטיילן
די אייגענע פיר־איילן אַף קעניגרייכן,
אַף שטעט און שטאַטן, אַף יאַמען און אַף טייכן,
אַף אָפּגרונטן און בערג און היילן;
זיך אויסווילן אַ באַרג מיט אַלטע שטאַמען
און שאַלטן־וואַלטן ווי דאָבוש אין אַלטע צייטן,
זיך יאָגן איבער בערגקאַמען און ווייטן.
צונויפטרייבן אין בערגשפּאַלטן טשאַטעס
געווילד; און ווי אַ חיה הינטער גראַטעס
צערעווען זיך מיט זיי צוזאַמען.
אַראָפּרייטן צום וועג און לויערן און האַרן

אַף סוחרים מיט די סחורות פולע גאַרן,
און אַף דעם האַר פון דאָרף און אַף דער האַרן,
פון דאָרטן אַף אַ חתונה אין דאָרף: צעזינגען
און צעטאַנצן זיך מיט חברה אינגען
אַזוי זיך, אַז דער עולם זאָל צעשפּרינגען.
און נאָכדעם—אין אַ הייל צוריק זיך אומקערן,
פאַרשפּאַרן זיך און זיך פון גאָר נישט לאָזן שטערן:
צעלייגן זיך אַף דר'ערד, אַף בערן פעלן,
און הערן: הערן ווי סע אָטעמען די פאָרדצעלן,
און ווי דאָס בלוט לויפט ווי אַ קול דורך רערן,
און וויל וואָס זאָגן, קלאָגן זיך, נעמט ווײנען,
ווײנט **א י ן** זיך ווי אַ גרויסער,
וואָס וויל מיט וועמען זיך פאַרײנען,
און ווײנט, ווערט מיד, ווערט שטיל און נעמט פאַרשטײנען;
און הערן ווי ער ווערט פון זיך אַליין דערווייטערט,
ווערט גרינג אַזוי און ווערט דערלייטערט.
און פון דערווייטן טיף פאַרנעמען, ווי אין האַרצן
קאַפּען טרערן, טראָפּנס טרערן–קרעלן,
און קאַפּען, קאַפּען, גליווערן און שטאַרצן.

דאָס ליד פון דאָבוש*)

א

צום ערשטן מאָל האָט זיך דאָבוש דערזען אין לעבן.
איז רייטנדיק אַנטקעגן וואַסער שטיין געבליבן,
ווי ער וואָלט זיך אַ דין־וחשבון אָפּגעגעבן;
און אָנגעצויגן ווי ער וואָלט צונויפֿגעקליבן
דאָס גאַנצע ביסל מעשים זיינע און די יאָרן,
זיי אויסגעציילט און אויסגעוואויגן אין זכּרון
און איינס לעם איינס זיי אויסגעשטעלט דערנעבן.

ווי סטאַיעס פייגל וואָלטן פאַר די אויגן שוועבן,
ווי חיות וואָלטן האָרדעסווייז זיך יאָגן
און שטיקער פון זיין לעבן טראָגן—
אַזוי האָט ער זיך איינגעשרומפּן, נישט געוואָרן;
און ווי ער וואָלט אין וואָרן
דערזען דעם נישט פון אַלע טעג און יאָרן—
האָבן אַלע אברים אָנגעהויבן ברומען.

*) אנדערע „לידער פון דאבוש" אין מיינע ביכער „דער ווייסער רייטער" און „לידער"

און אַז ער איז אַפּסניי צו זיך געקומען
און אין געהער האָט אופגעהערט צו זשומען,
האָט אים אין קאָפּ, אין האַרץ גענומען עפּעס טאָגן,–
דאָס וואַסער האָט גערוישט, געשריען אַף אַ געוויטער,
די פייגל ווי פאַר רעגן האָבן אָנגעהויבן קלאָגן–
דאָבוש, דער רויבער און דער ריטער,
דער האַר און היטער איבער אַלע גיטער
האָט מיטאַמאָל פאַרגעסן מעשים, מספּר, יאָרן,
דערפילט דאָס לעבן אין די אָדערן שלאָגן,
אַ זעץ געטאָן דעם פערד מיט זיינע שפּאָרן
און זיך אַ לאָז געטאָן ווי ער וואָלט וועלן וואָס דעריאָגן.

דאָס ליד פון דאָבוש

ב

פון דאָרף צו דאָרף און פון איין באַרג צום צווייטן,
סע קען דאָבוש זיך נישט געפינען קיין מנוחה.
אַוואו ער קומט—איז אים אַנטקעגן גייט'ן,
און וואו ער גייט—גייט גרויס און קליין באַגלייטן—
אַ פרינץ פאַרוואָגלט אין זיין אייגענער מלוכה.

ער גייט. און אַלע אוצרות, וואונדער פון יאָרנהונדערט,
זיי עפנען זיך פאַר אים ווי שפרודלענדיקע קוואַלן;
זיי שטערענען פאַר אים כסדר ווי פאַרוואונדערט
און פאַלן פאַר זיין אָנגעזיכט ווי קאָלירטע באַלן.

ער גייט דורך שטעט און גייט דורך וואונדער,
דורך טעג און נעכט און זון־לבנהדיקע שלעסער,
ער גייט מיט אַלעמען און גייט באַזונדער,
איז פראָסט מיט פראָסטע און מיט גרויסע–גרעסער,

מיט אָרימע־גנעדיק, מיט עלטסטע–אַ רעגירער,
און ביי פֿאַרפּירטע און פֿאַרוואָגלטע אַ פֿירער.

דורך אים, דאָבושן, גייט איינזאַמקייט און פֿריידן
פֿון וואַנדערן אַף וועגן, פֿון וואַנדלען און פֿון וואָגלען,
די ביטערניש פֿון זיין פֿאַרלאָזן און פֿון שיידן,
די פֿרייד פֿון פֿריינד, וואָס קומען זיך צוזאַמען
און ווערן אופֿגעצערט אין פֿריידנפֿלאַמען–
ער טרינקט פֿוןביידן ווי פֿון פֿולע לאָגלען.

פֿון וואַלד צו וואַלד, פֿון ישוב איבער ישוב,
ווי וואונדער־וואונדערלעך איז אומעטום דאָס לעבן,
מיט פּראָסטן פֿאָלק, מיט חכם, האַר און בישאָף,
אַ יעדער ישוב כּישופֿט ווי אַ נייער כּשוף
און וויקלט זיך פֿאַנאַנד ווי בונטע ווילדוויינרעבן.

זיין לעבן גייט דורך אַלע לאַבירינטן,
גייט ווי געוויטער און גייט ווי אַ געוועסער
און עפֿנט זיך ווי טויערן צו וואונדער־שלעסער,–
סע ווערן נישט דער פֿאָרויס און דער הינטן–
און וויגט זיך אום ווי וואָלקן און ווי ווינטן.

דאָס ליד פון בעל־שם־טוב און פון דאָבוש

די וועגן און די שטעגן אונטער אַייז און הרודעס,
די בערג און טאָלן אונטער האָרבעס שנייען;
פאַר דעם בעל־שם און פאַר דאָבושן, וואו זיי גייען
איז שטייען אָפן אַלע באַרגהיילן און בודעס.

כיאור—איבער די הויכן פון די בערג נעמט בלויען,
דער ווינט זינגט אין די סאָסנעס און סמערעקעס,
דער פראָסט צעשטעכט, צעשפּאַלט די צווייגן ווי מיט צוויעקעס.
דער בעש״ט גייט באָרוועס טובלען זיך אין דער פּאָליאַנקע,
דאָבוש קומט ליסטיק ווי אַ חיה פון דער נאַכט־הוליאַנקע
און שפּרייט פאַר זיינע טריט צום וואַסער—בונטן שטרויען.

אַ גאַנצע נאַכט האָט אַף די בערג דאָבוש געהוליעט,
פון אַלעמגוטן האָבן אָנגעבראַכט אים זיינע יונגען,
מע האָט געטאַנצט, געפּייפט, געפידלט און געזונגען;
דער בעש״ט אַליין איז אין דעם וואַלד אַרומגעגאַנגען,
געזונגען מיט דעם ווינט און נאָדלבלעטער זיינע געזאַנגען,
און בוים נאָך בוים ווי אייגענע צו זיך געטוליעט.

געקושט מיט נאַקעטע טריט די שטעכעווּדיקע שנייען,
גערעדט מיט גאָט כּביכול ווי מיט זיינס אַ גלייכן,
און ווי עניוות נידעריק געגאַנגען און געבעטן,
געליובט אַיעדן טראָט אַוואו ער האָט געטרעטן;
דאָבוש האָט זיך ווי ווינט געטראָגן, און שטאָלץ—ווי קעניגרייכן
מיט שטעט און מענשן וואָלטן פאַר זיין קוק און קול זיך דרייען.

האָט זיינע נאָענטע געלוינט מיט ליבע און מתּנות,
און קעניגלעך באַשאָנקען זיינע אונטערטאַנען,
האָט ווי אַ קינד זיך צוגעהערט צו יעדנס זאַבעבאָנעס,
זיך אָנגעשפּאַנט ווי וואָפן און איז אַרויס—סכּנות,
געשניטן ווי דער טויט אַלץ וואָס עס איז אין וועג געשטאַנען,
געטאָן אַלדינג ווי ס'האָט אים אַליין געטאָן געפעלן,
און האָט געשאַלט, געוואַלט ביז טאָג אַריין אין העלן.

פאַר דעם בעל־שם און פאַר דאָבושן ווערן
צעניִשט די צוימען און די גרעניצן, וואָס שטערן,
און מיט הכנעה ווי אַ תּפילה טוט אַיעדער פאַלן,
טוט בייגן זיך פאַר זיי און פאַלן יעדער ווילן,
ווי ליבע גאַרט אַרוף צו זיי פון אַלע שטילן,
און יעדער דומם—ביימער, גראָז און קוואַלן,
ווי מילן רוישן זיי און פליסטערן און שאַלן
און ציִען זיך דאָבושן און דעם בעל־שם־טוב צו געהערן.

פארצייכעניש

פארצייכעניש

אונזערע שטעטלשטעט

אונזערע שטעטלשטעט 8
מײַן אַלטע היים 10
נאָנצקײט 11
מעת־לעתן 12
אַ װעלט אין זיך 13
אוצרות 14
ערב יום־טוב 15
יום־טוב 16
זמירות 17
דאָס בית־מדרש 18
דער שליח־ציבור 20
דער מגיד 21
דער בעל־מקובל 23
דער רב 24
דער פרומער איד 26
דער יורד 27
האַרבסט־צײַט 28
װאונדערלעכע װינטער־אָװנטן 29
אַ װאונדערלעכע װײַסקײט 30
װינטער־אָװנטן 31
װינטער־אָװנטן א.ב. 32
פֿאַרפֿרילינג 35
נאָך אַ פֿרילינג־רעגן 36
סוף־זומער 37
לידער פֿון האַרבסט א.ב. 38
גערעטעניש 40

אין די געבּערג 41
דערוואַרטונג 42
מוטערשאַפט 43
מײַן פאָטער 44
אַ איד—אַ סוחר 46
שבת 48
אין דער פרעמד 49
אַ ליד 51
מײַנע נאָענטע אין קאָלאָמײ 54
אין צימער פון דעם כּלהמײדל 55
דעם נגידס בת־יחידה 57
דער שײנער באַלעבאָס 58
צו ר. ש. 59
פאַרוואַנדלונג 61
דער וואַסערטרעגער 62
יאָסל קלעזמער 64
יאָסל קלעזמער (צווײטע פאָרם) 66
דער פאַריזער שטוצער 68
דאָס ציקעלע וועט פאָרן האַנדלען 70
אין דאָרף 72
אין דאָרף (צװײטע פאָרם) 73
דאָס ליד פון װינטער 74
יאַריד—א. 76
יאַריד—ב. 77
דער באַלעגאָלע 78
די אָרימקײט 80
פאַר מײַן טעגלעכן באַדאַרף 81
פליכט 82
דער װײטער סוחר 84
דער פרעמדער 85
דער דאָרפאיד 86
נעזנד 87
אײנער—אַ איד 88
דער בריוו 89
די לוויה 91

יעל 93
גדעון 94
חנה 95
דניאל 96
בת־שבע 97
שמואל 98
אים איז אַזוי געוואָרן ענג 99

דאָס ליד פון דאָבוש

דאָס ליד פון דאָבוש–א. 101
דאָס ליד פון דאָבוש–ב. 103
דאָס ליד פון בעל־שם־טוב און פון דאָבוש 105
פאַרצייכעניש 108

היברו מאָנאָטייפּ
פּרעס - ניו־יאָרק